# הליכות ושיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

### פרשת בראשית – נח תשפ"ד לפ"ק

***יום שני פרשת בראשית***

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל סיום כתיבת ספר תורה שנכתבה על ידי הר"ר **אברהם יודא שלום שווארץ** הי"ו, והוכנסה לבית מדרשנו בקול רנה ותודה המון חוגג.

כשהגיע הספר תורה לפני בית מדרשנו, יצא **רבינו שליט"א** לקראת הספר תורה והכניסו לתוך בית מדרשינו. וערך הריקודין כנהוג וריקוד מיוחד עם הנדבן. אחרי הריקודים אמר **רבינו שליט"א** את המזמור 'לדוד מזמור' פסוק בפסוק.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** בהסעודה שנערך לכבודה של תורה באולם ויואל משה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** זיצט ביי א סעודת הכנסת ספר תורה, עס שטייט אין פסוק (דברים לא-יט) ועתה כתבו לכם את השירה הזאת ולמדה את בני ישראל. עס איז דא א מצוה אין די תורה מען זאל שרייבן א ספר תורה, און לערנען מיט יודן. שימה בפיהם, לייג עס אריין אין זייער מויל, למען תהיה לי השירה הזאת לעד בבני ישראל, אז די שירה, די תורה, זאל זיין בבני ישראל.

**מען** ווייסט אז עס איז דא א חילוק ביי שרייבן, ווי אזוי א יוד שרייבט און ווי אזוי א גוי שרייבט. ביי א יוד הייבט זיך אן די כתיבה פון די רעכטע זייט, און עס גייט צו די לינקע זייט. בראשית, הייבט זיך אן די בי"ת אויף די רעכטע זייט, מען גייט אייביג פון די רעכטע זייט אויף די לינקע זייט. די גוי'ישע כתיבה איז פארקערט, מען הייבט אן ביי די לינקע זייט, און פון דארט גייט מען צו די רעכטע זייט. ווייל ביי אונז האט די ימין א חשיבות, הייב מיר אן די כתיבה פון די רעכטע זייט, ביי א גוי איז סטרא דשמאלא, עס איז שמאל. הייבט ער אלץ אן ביי די לינקע זייט.

**דעסטוועגן** דאך זעט מען א דבר פלא, אז ווען מען שרייבט דעם אות אליין, שרייבט מען פון לינקס אויף רעכטס. ווען מען הייבט אן צו שרייבן די אות ב' הייבט מען אן פון די לינקע זייט און פון די לינקע זייט גייט מען אויף די רעכטע זייט, אזוי איז ביי אלע אותיות עס ווערט געשריבן פון שמאל אויף ימין. אז די ימין איז א גרעסערע חשיבות און וועגן דעם שרייבן מיר אונז די אותיות פון די רעכטע זייט און מען גייט צו די לינקע, פארוואס די אות אליין ווען מען שרייבט עס, שרייבט מען קודם די לינקע זייט און נאכדעם שרייבט מען די רעכטע זייט.

**איך** האב געזען שטייט פון **שאמלויער רב** זי"ע (שו"ת לחם שלמה או"ח הקדמה אות יב), מען ווייסט אז עבודת ה' איז דער עיקר לשמה, בלתי לה' לבדו, אן קיין זייטיגע פניות, דער אייבערשטער האט

געהייסן, ונעשה רצונו. דעסטוועגן דאך, דאס איז אן עבודה וואס א יוד קומט ערשט צו אין די עלטערע יארן, עבודת ה׳ הייבט זיך נישט אן לשמה, לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה (פסחים נ:). א יוד אפילו ער לערנט און ער טוט מצות ומעשים טובים ער גיבט צדקה, קענסט אינזין אלעס וואס דו ווילסט, נאר הייב אן צו טון, אז דו וועסט טון, וועסטו צו סוף צוקומען צו טון לשמה.

**תורה,** האט אין זיך אלע ברכות. תורה, איז אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד (משלי ג-טז), די שמאלה פון תורה איז עושר וכבוד. אבער דער אמת׳דיגע חשיבות פון תורה איז נישט עושר וכבוד, דער אמת׳דיגע חשיבות איז, כי הם חיינו ואורך ימינו. א יוד דארף וויסן אז די תורה דאס איז זיין לעבן, אן תורה איז דער לעבן פונעם מענטש גארנישט, עס גייט אדורך, היום כאן ולמחר איז ער ערגעץ אנדערש, ער האט גארנישט פון דעם וואס ער האט געלעבט. מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת (ע״ז ג.), וואס א מענטש גרייט זיך אן אויף די וועלט, תורה ומעשים טובים, דאס איז זיין נצחיות, איש את קדשיו לו יהיו (במדבר ה-י), דאס בלייבט אויף שטענדיג.

**איז** ווען מען הייבט אן צו שרייבן די אותיות פון די תורה, הייבט מען אן פון די לינקע זייט, ווייל די לינקע זייט גייט ארויף אויף שמאלה עושר וכבוד, מען קען נישט אנהייבן גראד צו שרייבן לשמה, מען הייבט אן צו שרייבן, דער אייבערשטער האט מיר געגעבן איך לערנען תורה, איך שרייב תורה, דער זכות פון תורה זאל מיר ברענגען עושר וכבוד. אבער פון דארט דארף מען אייביג גיין צו די רעכטע זייט, די רעכטע זייט איז אורך ימים בימינה, וואס אורך ימים איז דער טייטש, נישט קיין אורך ימים אויף די וועלט, אורך ימים איז חיי נצחיים, דאס איז די לעבן פונעם מענטש. וועגן דעם הייבט מען אן קודם צו שרייבן די תורה משמאל פון דארט גייט מען אריבער אויף די רעכטע זייט דאס איז דער אורך ימים בימינה, מען קען נישט אנהייבן תיכף פון לשמה, מען מוז אנהייבן פון שלא לשמה, און אזוי גייט מען אריבער אויף לשמה.

**די** פסוק זאגט, ועתה כתבו לכם את השירה הזאת שימה בפיהם, לייג עס אריין אין זייער מויל, די עיקר חשיבות איז נישט מען האט אפגעשריבן א תורה, און די תורה זאל ליגן אין שאנק, אז ווען מען וועט דארפן ליינען דערין וועט מען עס ארויסנעמען. דער עיקר פון תורה איז צו לערנען דעם מענטש, לא ימוש התורה מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך (יהושע א-ח). זיצן און לערנען תורה אויסנוצן יעדע פרייע מינוט אויף צו שטייגען אין תורה, עס איז נישט גענוג, ועתה כתבו לכם את השירה הזאת, אז מען שרייבט די שירה. נאר שימה בפיהם, ברענג עס אריין אין מויל אויך, די תורה הקדושה זאגט, דו שרייבסט א ספר תורה, איז נישט גענוג דו האסט געשריבן דעם ספר תורה, און דו זאלסט זיך פרייען איך האב אריינגעגעבן א ספר תורה, עס דארף קומען שימה בפיהם, דו זאלסט עס אריינלייגן אינעווייניג אינעם מויל, לימוד התורה.

**שטייט** אין תולדות פונעם ישמח משה, אז דער **ליסקער רב** זי״ע האט זיך אסאך געדרייט אין די יוגענט ביים **ישמח משה**, אמאל ווען ער איז געווען אין שטוב ביים ישמח משה, איז די טיר איז געווען פארשפארט און ער האט געהערט ווי דער ישמח משה לערנט, און ער האט אבער געהערט נאך א קול וואס האט מיט געלערנט, האט ער פארשטאנען אז איינער איז דא אינעווייניג און שמועסט אין לערנען. שפעטער האט זיך געעפענט די טיר, ער גייט אריין ער זעט אז קיינער איז נישט דארט, פרעגט ער דעם ישמח משה, איך האב געהערט צוויי קולות וואס דאס איז, האט אים דער ישמח משה געזאגט דו ווייסט נישט אז ווען איינער לערנט תורה איז שכינה כנגדו (אבות ג-ב), די שכינה איז דארטן, די שכינה לערנט מיט צוזאמען מיט דעם וואס לערנט תורה, דאס איז געווען די צוויי קולות וואס דו האסט געהערט.

**איז** טייטש ווען א יוד לערנט תורה, איז די שכינה כנגדו, די שכינה הק׳ זיצט ביי אים און לערנט צוזאמען. עס שטייט אין **תניא** (לקוטי אמרים פרק לז) אז ביי אונז זאגט מען הקורא בתורה, וואס איז טייטש הקורא בתורה, עס וואלט געדארפט שטיין

הלומד תורה. נאר הקורא בתורה, אז מען לערנט תורה, רופט מען כביכול דעם אייבערשטען, עס איז א קריאה צום אייבערשטען, איך זעץ זיך לערנען, דער אייבערשטער זאל צוקומען און מיטלערנען צוזאמען.

**מען** טרעט אויס די שמונה עשרה נאכן דאווענען, בייגט מען זיך קודם אויף די לינקע זייט, און נאכדעם בייגט מען זיך אויף די רעכטע זייט, אזוי איז מען זיך משתחוה פארן אייבערשטען. פארוואס בייגט מען זיך קודם אויף די לינקע זייט, די רעכטע זייט האט דאך א חשיבות, נאר אזוי ווי מען שטייט קעגן איבער דעם אייבערשטען און זיין שמאל איז אקעגן דעם ימין פונעם אייבערשטען, ביקט מען זיך קודם אויף די ימין פונעם אייבערשטען, און נאכדעם אויף די שמאל פון דעם אייבערשטען, אזוי געזעגענט מען זיך פון די תפלה וואס מען האט געדאווענט.

**יעצט** אז מען איז זוכה צו לערנען תורה, און מען שטייט אקעגן דעם אייבערשטען, איז די חשיבות נישט דער ימין, די חשיבות איז דער שמאל, ווייל דער שמאל דאס איז דער מכוון אקעגן דעם ימין פונעם אייבערשטען, דיין ימין איז מכוון קעגן דעם שמאל פונעם אייבערשטען. אז א יוד לערנט תורה, און עס איז נישט שכינה כנגדו, די שכינה איז נישט דארטן, ממילא האט א חשיבות זיין ימין, אבער אז מען לערנט תורה, וואס שכינה כנגדו, אז די שכינה איז אויך דארטן, איז די חשיבות דעמאלטס דיין שמאל, וואס דיין שמאל איז אקעגן איבער דעם ימין פונעם אייבערשטען.

**איז** וועגן דעם, ווען מען שרייבט א ספר תורה, וואס דער עיקר פון די תורה איז שימה בפיהם, מען זאל שפעטער לערנען די תורה, און לערנען תורה דארף דאך זיין שכינה כנגדו, דארפסטו אנהייבן קודם ביים שמאל, ווייל דיין שמאל דאס איז דער ימין וואס איז אקעגן דעם אייבערשטען.

**ברוך** השם מען זיצט דא היינט ביי א סעודה פון כתיבת ספר תורה, איך מיין אז ביי יודא איז געווען קודם די שימה בפיהם בעפאר ער האט אנגעהויבן דעם ועתה כתבו, בדרך כלל דארף מען אנהייבן קודם דעם ועתה כתבו און נאכדעם ווערט מען נתעורר, אבער ביי אים איז געווען שימה בפיהם קודם, יארן וואס ער זוצט באהלה של תורה, דער באשעפער האט אים יעצט געגעבן די זכי' מקיים זיין א דאפעלטע מצוה, איינס נאך דאס אנדערע, תורה באגלייט, תורה האט א געוואלדיגע חשיבות, און מי יתן ווען עס איז נאך דא בשמאלה עושר וכבוד, מען קומט אויף דער עלטער זעט מען אז אלעס איז הבלי הבלים די עיקר שמחה וואס א מענטש האט האט ער נאר פון לימוד התורה, און דאס באגלייט דעם מענטש נאכדעם.

**ער** האט עס געשריבן לע"נ זיין פאטער ר' יהושע פנחס ז"ל, אונז זעמיר נאנט געווען, ער איז געווען א ערליך אפגעהיטענער יוד, א געוואלדיגע לב טוב, עס האט מיר היינט פארציילט א יוד, אז ער האט געארבעט צוזאמען מיט ר' יהושע פנחס, ער איז געווען אן ארימאן און ער פלעג צו לייען געלט ביי אים און ער האט אים קיינמאל נישט באצאלט וואס ער האט געליגען, עס האט זיך אויסגעלאזט שפעטער אז דער יוד האט געדארפט חתונה מאכן א קינד און יהושע פנחס ארומגעגאנגען און ער האט צאמגעשטעלט געלט פאר אים ער זאל קענען חתונה מאכן זיין קינד. בדרך כלל ווען יענער איז א בעל חוב, נו איך האב דאך שוין גענוג געגעבן, מען האט טענות אויף יענעם, מען איז נישט גרייט צוהעלפן, און אזוי ווייטער, דעסטוועגן דאך זיין גוט הארץ האט געזאגט אז מען דארף טון פאר יענעם חסד. דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל לעילוי נשמתו.

**מען** איז דאך איינעקלעך פון הייליגן **קול ארי'** זי"ע, היינט איז געווען די יא"צ הונדערט און פערציג'סטע יאר פון די פטירה פונעם קול ארי', זאל דער אייבערשטער געבן ער זאל זיין א מליץ יושר פאר אונז אלע, פאר די גאנצע משפחה, אלע געשוויסטער, פאר די מאמע א.א.וו. זאלן מיר אלע זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

***יום שלישי פרשת בראשית***

**מעמד 'האספו' ומעמד 'הרימותי בחור מעם'**
**בסיום מסכת כתובות והתחלת מסכת נדרים**
**שעל ידי חבורת 'ובהם נהגה' דקהלתינו הק'.**

**זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו.** – בשמחה רבה וברגשי קודש התאספו אנשי שלומינו זקנים בעלי בתים אברכים ובחורים, ובראשם דייני קהלתנו הק' שליט"א, ועל צבאם מייסד חבורתנו מורה דרכינו ומאיר עינינו **כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א**, למעמד '**האספו**' לחוג את סיום מסכת כתובות והתחלת מסכת נדרים, שנלמדת במסגרת חבורת 'ובהם נהגה' שע"י קהלתנו הק', שהתקיים במלון המפואר 'הילטאן גארדען' בסטעטן איילענד.

בשעות שאחר הצהרים החלו ההמונים מכל ריכוזי אנ"ש, זקנים לצד נערים, להגיע אל המלון 'הילטאן גארדען', כאשר כולם נקבצו ובאו לשמוח בשמחת התורה, לשמוע את דבר ה' מפי **כ"ק רבינו שליט"א**, כשכנסיה זו שימשה גם כינוס כללי לכל אנשי שלומנו ובני קהלתנו מרחבי ניו יארק וניו דשערסי.

לאחר תפלת מנחה ואמירת פרקי תהלים לזכותם של אחב"י תושבי ארץ הקודש, ישבו ללמוד חבורות חבורות ושקדו בהתמדה על לימודם, בהיכל המיוחד שהוכן עבור לימוד התורה דרבים. הרה"ג רבי **בנימין ברייער** שליט"א דומ"ץ דבית מדרשנו 'זכרון יהודה' נשא פתיחה קצרה לקראת התחלת מסכת נדרים.

לאחר מכן עברו הציבור להאולם הגדול, וכל אחד ואחד מצא את מקומו לפי סדר מיוחד שהכינו העסקנים. סעודת מצוה נערכה כראוי וכיאות לכבוד התורה.

**מעמד 'הרימותי בחור מעם'**

**רבינו שליט"א** הגיע להמעמד '**הרימותי בחור מעם**' שהתקיים באולם אחר בהמלון, מיוחד לבחורי אנ"ש של קהלתינו הק' והתפללו תפלת מנחה, לאחר תפלת מנחה ואמירת פרקי תהלים נשמעו דברים מאלפים מאת הרה"ג ר' **אברהם דוד הורוויץ** שליט"א מרביץ תורה בקהלתנו הק'.

אח"כ נשא **רבינו שליט"א** מדברותיו, על חשיבות לימוד התורה, וכן שמלבד הלימוד בכמות שכל בחור צריך ורוצה להגיע אליו, הרי יש לשים לב במיוחד להשקעה באיכות הלימוד, וכן בהתנהגות ובדרך ארץ, כי יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**איך** וויל קודם באגריסן די חשובע בחורים וואס זענען זיך צוזאמגעקומען היינט צו דעם סיום, וואס א גרויס חלק האבן מיטגעלערנט די גאנצע מסכת, און געגומען די בחינות דערויף. ר' אברהם דוד [הורוויץ שליט"א, מלפנים ר"מ בישיבתנו הק'] האט שוין פריער אזוי שיין ארויסגעברענגט די געוואלדיגע חשיבות פון דעם עצם הלימוד, און פון דעם סיום לגמרו של תורה. און אז עס איז א התחלה, וואס דאס איז דער עיקר, מען זאל נעמען פרישע כוחות אויף אנהייבן אי"ה א פרישע מסכת, און קענען ווייטער ממשיך זיין.

**עס** איז אנהייב זמן, עס איז אדורכגעגאנגען א חודש מיט אסאך ביטול תורה. איך רעד נישט ביטול תורה אלץ אנגעברענגען צייט, נאר מען האט נישט געקענט עוסק זיין אין תורה. עס איז געווען צייטן פון תפלה, עס איז געווען צייטן פון תשובה, צייטן פון עוסק זיין אין מצות, נאך אזא שטיק צייט, וואס מען איז נישט געווען אין בית המדרש בענקט זיך שוין, צוריק צוגיין צו דעם סדר היום, וואס דאס איז כי הם חיינו ואורך ימינו, וויסן דעם געוואלדיגן חשיבות פון לימוד התורה, אויסצונוצן די צייט.

**עס** קומט א זמן, וואס בחורים זיצן בדרך כלל אין אהלה של תורה פון צופרי ביז ביינאכט, מען ווייסט נישט צו שעצן געהעריג די חשובע יארן וואס מען האט, און די חשובע שעות וואס מען קען זיצן אין בית המדרש. ווען מען ווערט עלטער, בענקט מען זיך צוריק אויף די שיינע צייטן וואס מען האט געהאט, און אסאך מאל האט מען עס נישט אויסגענוצט ווי עס דארף צו זיין.

**די** גמרא (עבודה זרה י:) זאגט, אז עס איז אמאל געווען א יוד וואס האט זוכה געווען צו טון א דבר טוב, און עס איז ארויסגעקומען א בת קול, און עס האט געזאגט, אז ער איז מוכן לעולם הבא. ובכה רבי, רבינו הק' האט געוויינט, און ער האט געזאגט, יש קונה עולמו בשעה אחת, עס איז דא א מענטש וואס קען קונה זיין, זיין וועלט אין איין שעה. פרעגט די וועלט, פארוואס האט ער געוויינט, ער האט זיך געדארפט פרייען, אז ער האט קונה געווען עולמו בשעה אחת. נאר ער האט געזאגט, אויב מען קען קונה זיין א וועלט בשעה אחת, וויפיל שעות גייען אדורך אויף א מענטש וואס ער וואלט געקענט קונה זיין עולמו, און ער נוצט עס נישט אויס ווי עס דארף צו זיין. בכה רבי, רבינו הק' האט געוויינט אויף דעם, אז מען זעהט אז עס קען זיין איין שעה וואס קען אזויפיל העלפן פאר א מענטש, אז ער קען קונה זיין עולמו, וויפיל שעות איז דא אין משך פונעם טאג, וואס מען וואלט געקענט מער אויסנוצן.

**על** כל פנים, ווען מען האלט אבער אין די התחלה, בשעת מען הייבט אן צוריק צוגיין אין די ישיבות, דארף מען וויסן די געוואלדיגע חשיבות, און צוריק גיין מיט א געוואלדיגן חיות און א חשק, איך גיי אי"ה לערנען די קומענדיגע מסכת, און די אנדערע לימודים וואס מען לערנט, און איך גיי עס אויסנוצן. איך גיי זיין א חכם הרואה את הנולד (תמיד לב.). אז ווען מען וועט ענדיגן, זאל איך קענען ענדיגן, און קענען וואס מען האט געלערנט. אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו (פסחים נ.).

*

**די** גמרא (תענית ז:) זאגט, אם ראית תלמיד שתלמידו קשה עליו, אז דו זעהסט א תלמיד, וואס זיין לערנען איז אים שווער, עס קלעבט זיך נישט צו, צו אים דאס לערנען, ער פלאגט זיך, מפני שמשנתו אינו סדורה, איז דאס ווייל זיין לערנען איז נישט מסודר. עס איז דא כמה פשטים וואס דאס מיינט, אבער אין פשטות וואס עס איז נוגע פאר אונז. ווען עס קומט אנהייב זמן, און מען וויל מצליח זיין, דארף מען זיך מאכן א סדר. אז מען האט נישט קיין סדר, מען לערנט וואס די ישיבה לערנט, נאר כדי צו ענדיגען וכדומה, איז מען נישט מצליח. מען מוז האבן א פלאן. וואס גיי איך טון דעם זמן, וואס וויל איך ענדיגען דעם זמן, וואס פארא לימודים וועל איך לערנען שיעור עיון, וואס גיי איך לערנען שיעור פשוט, און צו שטעלן זיך א חברותא. און בעיקר איבער'חזר'ן סוף פון די וואך אז איך זאל קענען, עס זאל זיין רגיל על לשוני וואס מען האט געלערנט די וואך. איבער'חזר'ן אלע לימודים, אז אם ישאלך איש אל תגמגם (קידושין ל.), אז מען וועט דיך פרעגן, זאלסטו וויסן וואס צו זאגן. זאגט די גמרא, אז דו זעהסט א תלמיד, וואס תלמידו קשה עליו, עס איז אים שווער דאס לערנען, דאס איז ווייל ער האט נישט קיין סדר. אז מען לערנט אן א סדר, מען לערנט נאר וואס מען דארף צו לערנען וכדומה. עס איז דא אזויפיל שעות וואס גייען אדורך ווען עס איז נישט דא קיין סדרי הישיבה. יעדן טאג אליין איז דא כמה שעות אינעם טאג. פארן דאווענען, נאכן דאווענען, צווישן איין סדר און דעם צווייטן סדר. עס קומען לאנגע פרייטאג'ס, שבתים, מוצאי שבתים, וואס איז אן א סדר. און אז משנתו איז נישט סדורה, ער האט נישט קיין סדר וואס צו טון, פארלירט זיך דאס לערנען וואס מען האט געלערנט. ווען א מענטש איז זיך מסדר, ווי אזוי גייט אויסקוקן מיין קומענדיגן זמן, מיין זונטאג, מיין מאנטאג, מיין דינסטאג, מיינע חברתות, אויסנוצן די פרייע צייטן, דעמאלטס איז ער מצליח אין וואס ער לערנט.

*

**מען** געפינט די וואך אין די פרשה (בראשית ד-ג). אז קין האט געברענגט א קרבן פארן אייבערשטען, און הבל האט געברענגט א קרבן פארן אייבערשטען. דער פסוק (שם ד-ד) זאגט, אז דער אייבערשטער האט אנגענומען דעם קרבן פון הבל, אבער ער האט נישט אנגענומען דעם קרבן פון קין. וישע ה' אל הבל ואל מנחתו, דער באשעפער האט אנגענומען דעם קרבן פון הבל, מיט זיין מנחה. ואל קין ואל מנחתו לא שעה, און קין און זיין מנחה, האט ער נישט אנגענומען. די

מפרשים שטעלן זיך, וואס מיינט עס וישע ה׳ אל הבל ואל מנחתו, דער אייבערשטער האט אנגענומען הבל מיט זיין מנחה, מען רעדט דאך נישט פונעם מענטש. אזוי אויך ווען מען רעדט פון קין קין זאגט מען, ואל קין ואל מנחתו לא שעה, צו קין, און צו זיין מנחה, האט זיך דער אייבערשטער נישט געקערט. אז מען זאגט אז די מנחה פון הבל האט דער אייבערשטער אנגענומען, און די מנחה פון קין האט ער נישט אנגענומען, ווייסט מען אז וישע ה׳ אל הבל, ואל קין לא שעה, די תורה טיילט עס אפ, הבל האט דער אייבערשטער אנגענומען, הבל, מיט זיין מנחה. און קין, נישט אים, און נישט זיין מנחה.

**דער** פשט דערפון איז, לימוד התורה איז זייער חשוב, עס איז די חשוב׳סטע וואס איז דא, יקרה היא מפנינים (משלי ג-טו), עס איז נישט דא קיין חשוב׳ערע זאך פון דברי תורה. אבער עס ווענדט זיך ווער עס איז דער תלמיד וואס לערנט, ווי אזוי ער לערנט עס, וויפיל ערליכקייט ער האט, וויפיל יראת שמים, וויפיל דאווענט ער פאר דעם, און ער איז מתפלל אז ער זאל מצליח זיין אין זיין לערנען. וויפיל יראת חטא האט ער, וויפיל איז זיין שמירת עינים, און אזוי ווייטער. א יוד דארף זיין אויפגעבויט, מיט א ערליכקייט צום אייבערשטען, נאכדעם ווען ער זעצט זיך צום לערנען, האט די תורה וואס ער לערנט א חשיבות. אבער אז מען לערנט תורה, דער מענטש אליין איז געבליבן אזוי ווי ער איז געווען פון פריער, די תורה האט אים גארנישט אויסגעלערנט, ער לערנט תורה, אבער די תורה לערנט נישט אים, ער בלייבט דער זעלבער ווי פריער, זיין דאווענען איז בשפה רפה, ער שטייט אויף שפעט וכדומה, ער איז פויל, ער עסט ווי א פויער עסט, און אזוי ווייטער, נאכדעם ווען ער זעצט זיך אראפ לערנען, עס איז טאקע חשוב די תורה פאר זיך אליין, אבער עס קלעבט זיך נישט צוזאמען מיט דעם וואס האט דאס געלערנט.

**עס** איז דא א חשיבות פון א יוד אין כמות, און עס איז דא א חשיבות אין איכות. כמות, איז וויפיל ער לערנט אפ, איך האב געלערנט איין בלאט, אפגעלערנט א מסכת, איך האב שוין גע׳ירשנ׳ט אין עולם, צוויי עולמות, וכדומה. נאכדעם איז דא וואס א יוד דארף לייגן דעם דגוש אויף זיך אליין אויך. אויסער די לימוד התורה וואס ער לערנט, ווי אזוי גיי איך זיך אויסארבעטן פאר מיר אליין, וואס פארא סארט בחור גיי איך זיין, און שפעטער וואס פארא סארט יונגערמאן וועל איך זיין. ווי אזוי קוקט אויס מיין דאווענען. שטעל איך זיך דאווענען יעדן טאג באצייטנס, צו איך קום אריין ווען מען האלט שוין ביי הודו. און ווען מען האלט ביים סוף פון דאווענען האב איך שוין אויסגעטון די תפילין, תהלים זאג איך נאר ווען עס קומט, אמאל יא און אמאל נישט, ווי אזוי מען גייט אראפ עסן, צו מען גייט אראפ עסן ווי אן ערליכער בחור גייט אראפ עסן. מען דארף טאקע האבן כח צו לערנען, אבער די גאנצע קאפ ליגט אין עסן. צו עס איז יא גוט די עסן, צו נישט גוט די עסן, דאס דארף איך יא, און דאס דארף איך נישט. איך דארף עס נישט ארויסברענגען, ווייל די בחורים קענען עס בעסער, ווי איך קען עס אראפלייגן. אבער די נקודה דערפון איז, אז מען וויל זוכה זיין צו תורה, דארפסטו ארבעטן אויף דיינע מידות. א יוד דארף האבן א מוסר ספר וואס ער לערנט, א חסידיש ספר וואס ער לערנט, און ארבעטן אויף זיך. יא מיין גוף איז א גוף, און די נשמה ליגט אינעם גוף, ווי מען האט פריער געהערט, ווי א בת מלך וואס ליגט ביי א פויער איינגעלייגט אין דעם גוף. און מען דארף זיך אליין אויסארבעטן.

**ווען** א יוד ברענגט א מנחה פאר׳ן אייבערשטען, איז א חילוק. אמאל ברענגט ער זייער א חשוב׳ע מנחה, עס האט טאקע א חשיבות די מנחה, מען האט אוועקגעגעבן א גרויס סומע געלט פאר די מנחה וואס ער האט געברענגט פארן אייבערשטען. אבער ווען מען קוקט אויף דער מענטש וואס האט עס געברענגט, ווי אזוי ער האט דאס געברענגט, עס פעלט זיין התלהבות, עס פעלט זיין ערליכקייט, עס פעלט די דערהויבענקייט. מען דארף ברענגען א קרבן, ברענגט ער א קרבן און א טייערע קרבן. נאכדעם איז דא אמאל וואס א מענטש ברענגט א זאך וואס בעצם איז די מנחה א קליינע מנחה, אבער וויפיל הארץ ליגט אין די מנחה, וויפיל ערליכקייט עס ליגט דערין, וואס פארא התקרבות אלקים ער

האט בשעת ער ברענגט די מנחה פארן באשעפער, דאס איז אסאך מאל חשוב'ער פון די עצם מנחה אליין וואס ער האט געברענגט.

**ווען** א מענטש ברענגט א זאך, ווענדט זיך וויפיל הארץ, וויפיל תשוקה דו האסט אין עבודת ה'. דו טוסט א מצוה, איז עס נישט מצות אנשים מלומדה, איך האב געלייגט מיינע תפילין, און איך האב עס אויסגעטון. ווי אזוי ביסטו צוגעגאנגען לייגן תפילין, דו האסט מכוון געווען אין דעם לשם יחוד וואס דו זאגסט פארוואס דו לייגסט די תפילין, וואס דארפסטו געדענקען ווען דו האסט אן די תפילין, ברענגט עס צו לשעבד את נפשי רוחי ונשמתי צום אייבערשטען.

**קין** האט געברענגט א מנחה, און הבל האט געברענגט א מנחה. ביי הבל שטייט והבל הביא גם הוא, שטייט אין הייליגע ספרים, ער האט זיך אויך מיטגעברענגט מיט די מנחה. ער האט געברענגט א חשובערע מנחה פון קין, אבער ער האט זיך אויך געברענגט, עס איז געווען א פערזאן וואס האט געברענגט, איך האב א זכיה צו טון א שירות פארן אייבערשטען, דאס איז די ערשטע קרבן וואס מען האט מקריב געווען פארן באשעפער, איך גיי עס טון, דער באשעפער האט מיך באשאפן, איך בין אויף די וועלט, ער האט מיר געגעבן אזא וועלט, איך גיי ברענגען א קרבן פאר אים, הלוואי וואלט איך מיך אליין געקענט מקריב זיין פארן אייבערשטען, אבער איך טאר דאך נישט, ברענגט איך א מנחה.

**די** מנחה פון הבל האט געהאט סיי די חשיבות פון די עצם מנחה אליין וואס ער האט געברענגט, און סיי די פערזאן וואס האט עס געברענגט, ווי אזוי ער האט עס געברענגט. וישע ה' אל הבל, ואל מנחתו, דער באשעפער האט אנגענומען דעם הבל אליין, ווי אזוי ער האט געברענגט די מנחה, און עס האט געהאט א חשיבות די מנחה אליין אויך. אבער אל קין ואל מנחתו לא שעה, קין איז נישט וואס ער האט געברענגט די מנחה ווי א יוד דארף עס צו ברענגען, און נישט די מנחה איז געווען אזא סארט מנחה וואס מען דארף צו ברענגען פאר א באשעפער. ער האט געברענגט פון די פשוט'סטע זאכן וואס ער האט געהאט, וועגן דעם האט דער אייבערשטער נישט געקערט נישט צו קין, און נישט צו זיין מנחה.

**בחורים** זיצן און לערנען, מען האט פריער געהערט, די הייליגע טעג האט דאך אויסגעאיידעלט א יוד. מען האט געזען ווי אזוי מען האט געזינגען און געטאנצט מיט די תורה, מען האט זיך געפריידט מיט די תורה, מען וויל דאך באמת, גלוי וידוע לפניך שרצונינו לעשות רצונך. עס קומט א נייער זמן, דארף מען אנהייבן מיט א פרישן סדר, מיט א פרישע חיות און א התחדשות. נישט קוקן אויף דעם וואס אסאך מאל איז דא שוועריקייטן ביז מען איז זיך מסדר וכדומה. נישט דאס איז דער עיקר. דער עיקר איז, ווי אזוי וועל איך ענדיגן דעם זמן, וויפיל וועל איך צוקומען און איך וועל קענען וואס מען האט געלערנט, קענען קונה זיין א האלבע מסכת, א גאנצע מסכת, אנדערע לימודים וואס מען לערנט, און טון די מצות פאר'ן אייבערשטען ווי אן ערליכער יוד דארף עס צו טון, אז עס זאל קענען זיין וישע ה' אל הבל, ואל מנחתו, סיי הבל, און סיי זיין מנחה.

**וויל** איך נאר אנווינטשן, דער אייבערשטער זאל געבן, עס איז דאך א שמחה ביי יעדן איינעם, מען האט געענדיגט א מסכת, און מען האלט ביי אנהייב פון א פרישע מסכת, צוגיין מיט א פרישן חיות, מיט א פרישן קאך און א התלהבות צום קומענדיגן יאר. זיך מאכן א סדר, וואס וויל איך ענדיגן אי"ה אין משך פון דעם חודש, וואס וויל איך ענדיגן אין משך פונעם יאר, און ווי אזוי איך גיי מיר אויסשטעלן דעם סדר, דעמאלטס וועט איר זען אז תלמידו וועט נישט זיין קשה עליו. יעדן טאג וועט ער שפירן אז ער איז עפעס צוגעקומען מער וואס ער האט געהאט פריער. דער אייבערשטער זאל געבן, עס זאל קענען ארויסקומען א כבוד שמים, מען זאל קענען שטייגן אין תורה און אין יראת שמים, ערליך דאווענען, אויפפירן זיך מיט מדות טובות, דאס איז די שיינקייט פון א יודיש קינד, זאל מיר זוכה אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

לאחר מכן עברו כל הבחורים מול הקודש ומסרו **לרבינו שליט"א** קבלתם בסדרי הלימודים בחבורת איגוד הבחורים דקהלתינו הק', ונכנסו להשתתף במעמד הגדול 'האספו'.

*

המעמד רבתי באולם הגדול נפתח ע"י היו"ר הרה"ג ר' **אליעזר פליישמאן** שליט"א מגי"ש בחבורת 'ובהם נהגה' ומרביץ תורה במוסדותנו הק', שקידם את פני הבאים בברכה.

שלשה אברכים מאנ"ש עלו על הדוכן, ה"ה הר"ר **יואל מאיר הארטמאן** הי"ו ממאנסי, הר"ר **דוב קליין** הי"ו מוויליאמסבורג, והר"ר **יואל ווערצבערגער** הי"ו מבארא פארק, שעלו כולם בזה אחר לזה לשאת נאום קצר כדי לשתף את הציבור מנסיונותיהם האישי על המהפכה הגדולה שחבורת 'ובהם נהגה' חוללה בקרבם. דבריהם עשו רושם על לב השומעים באשר שלושתם אלו טרודים על המחיה ועל הכלכלה, ובכל זאת קובעים עתים לתורה דבר יום ביומו ולומדים את העמוד יומי מבלי לחסר אף יום אחד, ובפרט כשהם לוקחים המבחנים מדי חודש בחודשו.

בשמחה רבה בשירה וזמרה קבלו כל הקהל את פני **כ"ק מרן רבינו שליט"א** כשנכנס לפאר את המעמד המרומם.

בקשב רב הקשיב הציבור למשאו הנלהב של נואם הכבוד, הרה"ג רבי **שמעון זאב מייזליש** שליט"א רב דביהמ"ד ישמח משה בקרית יואל, אשר בנועם דבריו העלה על נס את גודל הזכי' שיש לכאו"א מקהלא קדישא הדין לחסות בצל הקודש ולשאוב מלא חפנים תורה עבודה ויראת"ש, מבארו הגדול של **כ"ק מרן רבינו שליט"א**.

הרב **יהושע שטערן** שליט"א העומד בראש חבורת 'ובהם נהגה', הודה לכל מגידי השיעור במסגרת 'ובהם נהגה', על פעלם וזכותם הגדול בהרבצת התורה. כמו כן הביע ברכת יישר כח לכל העסקנים החשובים והתומכים הנכבדים שלולא מסירותם הנאמנה לא היו מגיעים עד הלום.

מוה"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו מראשי עסקני קהלתנו ומוסדותנו הק' בכל אתר ואתר, מסר דברים קצרים להציבור מהנעשה והנשמע בקרב מוסדותנו הק'. ושיתף במילים קצרים את גודל ההשקעה שהושקע בבניית והתרחבות בניני מוסדותינו רק בשנה האחרונה בלבד, ושבזכות הציבור המסור גויס בשנה זו מיליוני דאלאר עבור בניית בניני המוסדות למען בנינו ובנותינו, ולמען הרחבת בתי מדרשנו, כן יתן ה' הלאה להגדיל תורה ולהאדירה.

היושב-ראש הזמין את הרב **יודא באדאנסקי** שליט"א, מגיד שיעור בחבורת 'ובהם נהגה', לסיים מסכת כתובות ואמירת ההדרן, ואת הרה"ח ר' **שמחה פריעדמאן** הי"ו לומר את הקדיש. בגמר הקדיש פרצה כל הקהל בשירה וזמרה וריקודין של שמחה, בנתינת שבח והודיה להשי"ת על טוב חלקינו וגורלינו להיות נמנים בצבא ה' ללמוד וללמד תורתו הק', ומה יפה ירושתנו שזכינו לסיים מסכתא אחת ולהמשיך מיד למסכתא אחרת. הריקודין נמשכו למשך זמן בשמחה וחדוה עילאה.

אחר פרקי שירה וזמרה הושלך הס בהיכל עת פתח **רבינו שליט"א** את דברות קדשו. בראשית דבריו הביע את גודל שמחתו ביום הזה, כאשר מאות אברכי הקהלה הקדישו כ"כ הרבה שעות במשך השנה האחרון כדי ללמוד מסכת כתובות, ולהגיע לזה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו, ולשמוח בשמחת הסיום.

ובהמשך הדברים אמר **רבינו שליט"א** בטעם קריאת אסיפה זו בשם 'האספו', שיעקב אבינו כשקרא לבניו אמר להם האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים, שהיה בזה בתחלת גלות ושעבוד מצרים, וביקש יעקב להורות לבניו ולדורות עולם שבכדי שיוכלו להחזיק מעמד בטומאת מצרים, צריכים לקיים 'האספו', להתאסף ולהתאגד גם יחד, בעת 'את אשר יקרא אתכם באחרית הימים', יקרא מלשון קרירות, שכאשר יתקרר אצלם ויתרחקו, העצה הוא להתאסף. על אחת כמה וכמה, כיום, כמה יש צורך לכל אחד ואחד להתחבר לחבורה של תורה

כדי שיוכל להנצל מרוחות הזמן, וזו מעלתה של התחברות לקהלה, ולחבורת 'ובהם נהגה'.

משם עבר **רבינו שליט"א** להודות לציבור העומד תמיד בנאמנות לימין פריחת ושגשוג מוסדותנו הק' בכל אתר ואתר, ודיבר אודות התרחבות גבולי הקדושה שנתהוו במוסדותנו הק' בתקופה האחרונה, כן יוסיף ה' חסדו בעתיד.

**רבינו שליט"א** הרחיב בגודל השמחה שצריך כל לומד וחוזר על תלמודו לשמוח בשמחת התורה, שאלמלא הוא לא נתקיימו שמים וארץ, והוא מקיים העולם. וכמה גדול צריך להיות השמחה בבוא האדם לביתו אחר שלמד ולקח מבחן על מה שלמד, שעליו לשמוח ולרקוד 'חדאי נפשאי חדאי נפשאי, לך קראי לך תנאי', על שזכיתי ללמוד דברי תורה.

בסיום דבריו הביע דברי תודה והוקרה לכל העוסקים והמסייעים למען חבורת 'ובהם נהגה'.

אחר הדברות קודש המשיכו המנגנים בפרקי שיר. בברכת המזון נתכבד הרה"ח ר' **אהרן קליין** הי"ו, ועברו כל הקהל אצל **רבינו שליט"א** לקבל כוס של ברכה, והתפללו תפלת מעריב.

אחר שעות ארוכות של קורת רוח רוחנית, פנו כל הקהל לביתם עם קבלות חדשות להגביר חיילים ללימוד התורה הק' ביתר שאת ועוז, ועם רגשי לב הומים על גודל כבוד התורה שהיה במעמד המרומם הלזה, כאשר בלב כל אחד חקוק הדברים הנלהבים שנשמעו במעמד רבתי זה.

***<u>וזה תוכן הדברות קודש:</u>***

**עס** איז ביי מיר א געוואלדיגע שמחה אטיילצונעמען דא היינט נאכט ביי די מסיבה של מצוה פון "ובהם נהגה", הונדערטער יונגעלייט האבן אוועקגעגעבן הונדערטער שעה'ן אין משך פונעם יאר צו ענדיגן מסכת כתובות, אוועקגעגעבן שעה'ן זיך צו קענען שטעלן צו א בחינה יעדן חודש אויף וואס מען האט געלערנט, עס איז א געוואלדיגע שמחה. יעדע סיום איז א שמחה אפילו נאר פון א יחיד, איז כל שכן ווען מען רעדט פון א סיום פון הונדערטער יונגעלייט צוזאמען, ווי חשוב עס איז. עס איז א פרייד, די שענסטע טעג פון אונזער קהילה איז ווען מען קומט זיך צוזאם צו א סיום פון שמחת התורה.

**מען** שטייט נאך שמחת תורה וואס יעדער איד האט זיך געפריידט מיט די תורה. איך האב שוין געהאט גערעדט, עס גייען אדורך אזעלכע הייליגע טעג, יעדער איד שטייט מיט א טרעפ העכער ווי מען שטייט א גאנץ יאר. אן עבודה פון ראש השנה, יום הקדוש, געזעסן אין ביהמ"ד אזויפיל שעה'ן מיט אהבת ה' יראת ה' דביקות ה', מען זיצט אין די סוכה זמן שמחתינו, טאנצן צוויי טעג מיט די תורה, וואס יעדער איד שטייט אין א העכערע מדריגה. און צו דעם קומט צו, ווען אונז זענען אין די העכסטע מדריגה פונעם יאר, קומט אויס יעצט צו מאכן דעם סיום פון "ובהם נהגה" אויף מסכת כתובות, א פרישע שמחת התורה.

**די** יום טוב פון שמחת תורה איז א שמחה אויף די כלליות'דיג תורה, דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו מען פריידט זיך מען איז א איד, מען האט מקבל געווען די תורה און מען איז מקיים די מצות פונעם אייבערשטען, מען פריידט זיך מיטן עצם פון די תורה. די הוספה פון די היינטיגע שמחה איז, אז עס איז א פערזענליכע שמחת התורה. פערזענליך וואס א איד דארף זיך פרייען עס איז אדורך א יאר און איך האב געלערענט א גאנצע מסכת, איך האב זיך פארהערט, עס איז א פריוואטע שמחה פאר זיך אליין.

**מען** רופט אן די אסיפה "האספו", און די ווארט האספו קומט פון יעקב אבינו. יעקב אבינו בשעת ער האט זיך געזעגענט פון זיינע קינדער, מען האט געהאלטן ביי גלות מצרים, האט ער געזאגט האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים (בראשית מט א), עס גייט קומען אחרית הימים, עס גייט קומען שפעטער'דיגע גליות, אנגעהויבן ביי גלות מצרים און נאכדעם שפעטער, ווי אזוי וועט מען זיך קענען האלטן?

ווי אזוי קען מען זיין ערליך ווען מען איז צעווארפן אידן צווישן גוים, און דעסטוועגן דאך זאל מען קענען בלייבן אן ערליכער איד און אפהיטן זיין שטוב זאל זיין ערליך? האספו! זאגן הייליגע ספרים, ער האט זיי געזאגט מען דארף זיך צוזאמקלויבן. אליינס ווערט מען פארלוירן, אבער אז מען איז מיט א חבורה צוזאמען, איז דאס "ובהם נהגה", איז דאס א קהילה, איז דאס יעדער איינער וואס האט זיך זיין פלאץ וואו ער באלאנגט. דער "האספו" דאס איז די עצה דערויף בעפאר מען גייט ארויס אין גלות, אז מען זאל זיך קענען האלטן דארף זיין א אסיפה.

**ואגידה**, שטייט אין הייליגע ספרים, איז א לשון פון אגודה צוזאמבינדן. אשר יקרא אתכם באחרית הימים, דאס וועט ענק זיין זייער וויכטיג באחרית הימים אין די טעג פונעם גלות, אז מען זאל זיך האלטן אינאיינעם. און הייליגע ספרים געבן צו, את אשר יקרא אתכם, יקרא איז א לשון פון קאלטקייט, אשר יקרא אתכם באחרית הימים, עס וועט קומען אחרית הימים עס וועט זיין א קאלטקייט אויף די וועלט. מען האט פריער געהערט, אז מען גייט ארויס אביסל אינדרויסן איז מען אין א אנדערע וועלט פון וואס דער עולם התורה איז. וואס איז די עצה פון אשר יקרא אתכם באחרית הימים, האספו והגידה לכם, מען זאל זיך האלטן אינאיינעם.

**איך** בין ל"ע די וואך נישט געזונט געווען, און א טעקניש"ן איז געקומען מאכן בילדער ווי דער סדר איז, א איד פון פלעטבוש, בתוך הדברים האב איך אים געפרעגט ווער ער איז, זיינע קינדער, וכדומה. זאגט ער מיר, איך וואוין אין פלעטבוש איך דאווען דארט אין דעם און דעם ביהמ"ד, איך האב דריי קינדער, אלע זענען זיי בני תורה, איינער וואוינט אין לעיקוואוד, איינער וואוינט אין טאמס ריווער, איינער וואוינט אין פלעטבוש, און איך בין דזשעלע"ס אויף מיינע קינדער. פארוואס ביסטו דזשעלעס אויף דיינע קינדער? מיינע קינדער האט יעדער איינער פון זיי א רבי'ן. ער האט צו וועם צו רעדן, ער האט ווי ארייננצוגיין וכדומה, איך בין א מענטש אליין אויף דער וועלט, איך וואלגער זיך ארום! איך האב נישט קיין רב, איך האב נישט קיין רבי'ן, איך האב נישט מיט וועם זיך איבערצושמועסן. איך בין דזשעלעס אויף מיינע קינדער וואס זיי האבן א פלאץ וואו זיי באלאנגען. דאס האט געזאגט אן אמעריקאנער איד.

**און** דאס האט יעקב אבינו געזאגט, האספו ואגידה לכם את אשר יקרא אתכם באחרית הימים, ווי חשוב דאס איז אז עס איז דא א ציבור וואס האלט זיך אינאיינעם, דאס געט חיות, חיות אז מען זאל קענען מגדל זיין ערליכע אידישע שטיבער.

**און** אז עס איז האספו, דער גאנצער ציבור איז דא, דער ציבור איז דאך צעווארפן אין מערערע מקומות, עס קומט דאך נישט אויס קיין געלעגענהייט אז מען זאל זיך קענען באדאנקען פארן ציבור, פאר די וואס שטייען מיט און זיי העלפן פאר אונזערע מוסדות, פאר די קהילה, וואס אן זייער הילף וואלט מען דאס נישט געקענט אדורך טראגן. הילף פון גשמיות, עמודי התווך וואס העלפן ארויס די מוסדות. און מאראלישע הילף, הילף וואס געט א כח און א חיזוק אז מען זאל קענען ווייטער אנגיין.

**ב"ה** די מוסדות ביי אונז בליעט, מען האט שוין פריער אויסגערעכנט, עס לערנען ביי אונז אין די מוסדות איבער צוויי טויזנט פינעף הונדערט קינדער! די מיידל שולע מיט די תלמוד תורה. איבער צוויי הונדערט בחורים אין די ישיבה דא, זיבעציג בחורים אין די ישיבה קטנה אין מאנסי. הונדערט פיפציג יונגעלייט אין די כוללים. דאס איז אלעס א הון תועפות וואס דאס קאסט עס זאל זיך קענען אויפהאלטן. און פארוועם קומט די קרעדיט? פאר דעם ציבור וואס זיצט דא! וואס זיי טוען עס צוהעלפן, און זייער זכות איז זייער גרויס וואס זיי טוען בויען תורה און זענען מרחיב די גבולי קדושה.

**אפילו** וויליאמסבורג אליין, אונז זענען אויף א ווינקל, עס איז אזוי צושפרייט היינט וויליאמסבורג, א גרויס חלק פון די יונגעלייט וואוינען שוין אויף יענעם עק, עס איז כמעט א האלבע שעה צו גיין ביז צום ביהמ"ד. עס האט

מיר איינער געזאגט אז פאר אים צו גיין אויף ליובאוויטש איז אים גרינגער ווי אנצוקומען קיין וויען, ער איז שוין נאנטער צו קרוין הייטס ווי אנצוקומען אהער. מען דארף טראכטן פון א ביהמ"ד אויף יענע זייט מרחיב זיין די גבולי קדושה.

**זאל** דער אייבערשטער געבן מען זאל האבן די כוחות דערצו און די סייעתא דשמיא. דאס איז א דאנק די ציבור וואס שטייען צו הילף צו אלעם וואס עס פעלט אויס.

*

**אז** מען זיצט ביי א סיום פון א מסכת, וואס באמת איז עס א שמחה פון אן התחלה פון א קומענדיגע מסכת, וואס רוב ציבור וועט דאך מיטהאלטן די קומענדיגע מסכת אויכעט. אפילו די וואס האבן נישט גענומען קיין בחינות אויף כתובות, וועלן אויף נדרים ממשיך זיין ארויפגיין מעלין בקודש און נעמען אויף דעם א בחינה.

**מיין** טאטע זכרונו לברכה האט מיר אמאל געזאגט, אז ווען ער איז געווען א יונגל פון עלף יאר, האט אים דער פאטער זיינער, דער סערדאהעלי רב, געקויפט א מעשה ביכל – עס איז נישט געווען דעמאלטס אזויפיל מעשה ביכלעך ווי עס איז דא היינט, עס איז געווען עשר אורות, עשר עטרות, די עשר'לעך האט מען עס גערופן, קראנטע זאכן - און ער האט אים געזאגט, דאס זאלסטו האלטן לעבן דיין בעט, און בעפאר דו גייסט שלאפן קוק אריין אין סיפורי צדיקים אזוי זאלסטו זיך לייגן. און ער האט אים אוודאי געפאלגט [אמאל איז נישט געווען אזא זאך אפילו טראכטן אנדערש ווי א טאטע זאגט] און ער האט געהאט ביי זיך דעם ספר, עס איז אייביג געלעגן ביים בעט, און אפילו זעכציג יאר שפעטער איז נאך אלץ געלעגן די עשר'לעך ביי זיין בעט, ער האט עס שוין געקענט מן הסתם ישר והפך. האט ער מיר אמאל געזאגט, דאס האט מיך געהאלטן ביי אידישקייט, א גרויס חלק פון מיין אידישקייט האב איך צו פארדאנקען וואס איך האב מיך געוויקט אין סיפורים פון פריער'דיגע צדיקים.

**איך** בין נישט אין זיין דרגא, אבער איך פיר זיך אויך אזוי. איך האב לעבן מיין בעט א ספר פון צדיקים פון חכמי ישראל, און א פאר מינוט פארן שלאפן קוק איך אריין, ווען איך ענדיג איין ספר נעם איך א צווייטן ספר, היינט איז שוין ב"ה דא א גאנצע שאנק פון ספרים אויף סיפורי צדיקים.

**מוצאי** יו"ט פאר'ן זיך לייגן האב איך געהאט ביי מיר א ספר לעבן בעט, דער ספר הייסט בסוד שיח, ר' שמואל דוד פרידמאן זאל זיין געזונט – פון בארא פארק, געווען א נאנטער מענטש ביי **רבי חיים קניבסקי זצ"ל** – האט דאס געשריבן, ער שרייבט דארטן פארשידענע זאכן וואס ער האט געהאט. שרייבט ער דארטן, איך האב אמאל געפרעגט דעם קאשוי'ער רב, ר' רפאל בלום, די גמרא זאגט אין פסחים (סח:) רב ששת האט יעדע דרייסיג טאג איבערגע'חזר'ט וואס ער האט געלערנט, און ער האט זיך געפריידט דערויף, שרייבט ער אז ער האט געפרעגט דעם קאשוי'ער רב, איז מעגליך א מענטש זאל קענען איבער'חזר'ן אין דרייסיג טאג כל התורה כולה? האט ער מיר געענטפערט, ניין, עס מיינט נישט אז ער האט איבערגעלערנט זיין גאנצע לערנען יעדע דרייסיג טאג, נאר ער האט איבערגעלערנט זיינע חידושים וואס ער האט מחדש געווען אין משך פון דעם חודש.

**שרייבט** ער ווייטער, האב איך אים געזאגט, די וועלט זאגט א מעשה אויפן שאגת ארי', דער שאגת ארי' איז געווען א איד א זקן, און אויף דער עלטער האט ער אמאל געזאגט, עס איז יעצט די טויזענסטע מאל וואס איך בין מסיים ש"ס. שרייבט ר' שמואל דוד, האב איך געזאגט פארן קאשוי'ער רב, אז אויב ער האט אנגעהויבן צו לערנען ביי די בר מצוה איז ביז די עטליכע נייניציג יאר איז געווען א חשבון פון אכציג יאר וואס ער האט געלערנט, אז מען חזר'ט איבער יעדן חודש ש"ס, קומט אויס איז עס בערך טויזנט מאל ביי די עטליכע נייניציג יאר וואס ער האט מסיים געווען ש"ס, איז טייטש אז ער האט אויך איבערגעלערנט יעדן חודש ש"ס? האט אים דער קאשוי'ער רב געזאגט, לאו בר רב אשי חתם עלה, די מעשה מוז נאכנישט זיין אז עס איז אזוי.

**שוב** ראיתי, שרייבט ער, נאכדעם האב איך געזעהן א תוספות אין ברכות (לח: ד"ה כל) דארט ברענגט צו די גמרא אז ר' חייא בר אבא האט איבערגע'חזר'ט יעדע דרייסיג טאג זיין לערנען פאר זיין רבי ר' יוחנן, זאגט תוספות, לאו כל לימודו, נישט זיין גאנצע לערנען האט ער איבערגע'חזר'ט יעדן טאג, אלא מה שלמד באותו חודש, נאר וואס ער האט געלערענט אין די דרייסיג טאג האט ער איבערגע'חזר'ט. מעין פון דעם וואס אונז רעדן יעצט, אז יעדן חודש ענדיגט מען א געוויסן לימוד, און יעדן חודש האט ער געמאכט א בחינה אויף וואס ער האט געלערנט.

**ואחר** כך, שרייבט ער, בין איך געווען ביי ר' חיים קניבסקי, און איך האב אים געפרעגט די זעלבע שאלה, אין דרייסיג טאג האט ער איבערגעלערנט די גאנצע לערנען, ווי איז דאס מעגליך? האט ער אים געזאגט, וואס איז די שאלה, אין איין וואך קען מען איבער'חזר'ן גאנץ ש"ס! גארנישט קיין חידוש. ווען א מענטש קען ש"ס, קען ער אין איין וואך איבער'חזר'ן גאנץ ש"ס, און ער האט איבערגע'חזר'ט איינמאל אין א חודש.

**בעפאר** איך גיי ווייטער, נו קען מען איבער'חזר'ן ש"ס אין א חודש, צו נישט? און עס איז אמת אז מען קען איבער'חזר'ן ש"ס אין א חודש, נו פארוואס האט דעמאלטס תוספות געדארפט זאגן אז ר' חייא בר אבא וואס האט געלערענט קמיה דר' יוחנן האט נישט איבער געלערנט זיין גאנץ לערנען אין דרייסיג טאג, ער האט נאר איבערגע'חזר'ט וואס ער האט געלערנט דעם חודש, אפשר האט ער יא איבער געלערנט גאנץ ש"ס, אין א וואך קען מען דאך אויך איבער לערנען?

**נאר** דער תירוץ איז פשוט. ווען א מענטש לערנט און ער קען די מסכת ישר והפך, ביי אונז קומט עס אויס צען בלאט א חודש, מען לערנט די צען בלאט און ער קען די גמרא ישר והפך, איבערצוגיין די צען בלאט קען ער אין א גאר קורצע צייט. אין קאפ איבערגיין, וואס איז געווען די גמרא'ס קשיא, וואס איז געווען די גמרא'ס תירוץ, וואס האט אביי געזאגט, וואס האט רבא געזאגט, דא איז געווען א קשיא פון די ברייתא, וויאזוי האט מען פארענטפערט די ברייתא. ווען מען קען די גמרא, נעמט מינוט'ן איבערצו'חזר'ן וואס מען האט געלערענט. אז איינער קען גאנץ ש"ס, קען ער אין א וואך עס איבערגיין, אין קאפ קען ער איבערגיין גאנץ ש"ס.

**די** גמרא דארט אין ברכות זאגט, ר' חייא בר אבא האט עס "איבערגעזאגט" קמיה דר' יוחנן, איז דאך נישט פשט אז ער האט איבערגעטראכט גאנץ ש"ס, נאר ער האט מציע געווען. וואס ער האט געלערענט האט ער יעדע דרייסיג טאג איבערגעזאגט פאר ר' יוחנן. דער ריטב"א זאגט דארטן, ווייל ער האט געוואלט ר' יוחנן זאל זעהן צו ער האט נישט פארגעסן עפעס, צו ער האט זיך נישט טועה געווען מיט א הלכה. איבערגיין יעדע דרייסיג טאג אלעס וואס מען האט געלערענט קמיה דר' יוחנן איז א זאך וואס איז נישט מעגליך, זאגט תוס' מוז מען על כרחך זאגן אז עס איז נישט געווען כל לימודו, נאר וואס ער האט געלערנט אין דעם חודש דאס איז ער איבערגעגאנגען. אבער ווען מען רעדט פון רב ששת וואס רב ששת איז איבערגעגאנגען זיין גאנצע לערנען פאר זיך, פאר זיך קען ער איבערגיין יעדן חודש כל התורה כולה, גאנץ ש"ס.

**נו** אז איך האב שוין געזעהן דארטן די מעשה, האב איך געטראכט איך דארף דאך רעדן ביי "ובהם נהגה" איבער חזרה, האב איך שוין געעפענט די גמרא און נאכגעקוקט וואס זאגט דארט די גמרא ביי די מעשה פון רב ששת.

**זאגט** די גמרא, רב ששת האט יעדע דרייסיג טאג איבערגע'חזר'ט וואס ער האט געלערענט, דאס גאנצע לערנען, די האלבע לערנען, נישט קיין חילוק יעצט, און נאכדעם האט ער זיך געשטעלט ביי די טיר בעיברא דדשא, ביי די טיר איז געווען אמאל א ריגל מיט א שלאס מיט וואס מען האט פארמאכט די טיר, דארט האט ער זיך געשטעלט און ער האט געזאגט, חדאי נפשאי חדאי נפשאי, ער האט געזאגט פאר זיך, פריי דיך האב א שמחה, חדאי נפשאי איך פריי מיך איך פריי מיך, צוויי מאל האט ער עס איבערגעזאגט, לך קראי לך

תנאי ער האט געזאגט פאר זיין גוף פאר זיין נפש, פאר דיר האב איך געלערנט מקרא פאר דיר האב איך געלערנט משנה. דער רבינו חננאל טייטשט דארטן, וואס טייטש לך - פאר דיר - קראי? ער האט געזאגט פאר זיין גוף, איך האב געלערנט פאר דיר אז דו זאלסט זוכה זיין צו חיי עולם הבא, חיי נצחיים, עס זאל בלייבן די תורה וואס דו האסט געלערנט, זאלסט האבן חיי נצחיים, האב איך איבערגע'חזר'ט יעדן דרייסיג טאג דאס לערנען.

**פרעגט** די גמרא א קשיא דערויף, ער האט געזאגט חדאי נפשאי ער פריידט זיך, עס איז א מימרא אין די גמרא אילמלא תורה לא נתקיימו שמים וארץ שנאמר אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי (ירמיהו לג כה), אן תורה וואלט דער אייבערשטער נישט באשאפן די וועלט. פרעגט די גמרא, חדאי נפשאי דו פריידסט זיך אז דו האסט געלערנט, דו האסט איבערגע'חזר'ט, פריי דיך אז דו האסט אויפגעהאלטן די וועלט, עס איז דאך א גרעסערע שמחה, אילמלא תורה לא נתקיימו שמים וארץ, פארוואס פריידסטו זיך וואס איז נוגע דיר פערזענליך? פריי דיך אז דו האסט אויפגעהאלטן די גאנצע וועלט מיט דיין תורה?

**ענטפערט** די גמרא, אמת טאקע ער האלט אויף די וועלט מיט זיין תורה, אבער מעיקרא כי עביד איניש אדעתא דנפשיה קא עביד, מעיקרא בשעת דער מענטש הייבט אן, הייבט ער נישט אן מיט קיין הימלישע זאכן ער האלט אויף די וועלט, ער קוקט קודם אויף זיך, חדאי נפשאי חדאי נפשאי, וואס איז מיין תועלת דערפון, איך וועל זוכה זיין צו חיי נצחיים.

**בעפער** מען גייט אריין אין דקדוקים, וואס זעהט מען פון די גמרא, ווען א איד האט דרייסיג טאג געלערענט, ער האט איבערגע'חזר'ט וואס ער האט געלערענט, ער זעהט אז ער קען סוף חודש וואס ער האט געלערענט, דארף ער קודם טאנצן, חדאי נפשאי חדאי נפשאי, און פריי דיך נישט נאר מיט דעם וואס דו האסט געלערענט און דו וועסט זוכה זיין צו חיי נצחיים, פריי דיך איך האב אויפגעהאלטן די וועלט מיט מיין תורה, אלמלא תורה לא נתקיימו שמים וארץ. נאר די גמרא זאגט אז דער סדר איז, מען הייבט אן קודם פון זיך, אבער שפעטער דארף א מענטש האבן א שמחה אויף דעם אויכעט.

**מען** קומט אהיים פון א בחינה, וואס דארף מען טוען? מען קומט אריין ביי די טיר, זיך שטעלן און טאנצן חדאי נפשאי חדאי נפשאי לך קראי לך תנאי איך האב געלערענט איך האב אויסגענוצט די צייט, עס איז אדורכגעגאנגען א חודש און איך האב מצליח געווען איך געדענק וואס איך האב געלערענט, איך האב באקומען א הונדערט אויף די בחינה, א געוואלדיגע שמחה וואס א איד דארף האבן, און ער האט זיך אויסגעדריקט די שמחה מיט א דאפעלטן לשון, חדאי נפשאי חדאי נפשאי, עס איז א דאפעלטע שמחה, נישט נאר ווי דער רבינו חננאל טייטשט אז לך קראי דו האסט א שמחה אז דו וועסט זוכה זיין צו חיי עולם הבא, נאר דו האסט א שמחה פון אשריך בעולם הזה, ווי גליקליך דארף מען זיין אז דו ביסט אדורכגעגאנגען א חודש און דו האסט אויסגענוצט צענדליגע שעה'ן פאר תורה און זוכה געווען צו קענען וואס דו האסט געלערענט, דאס איז נישט נאר א תועלת לעולם הבא, וויפיל סיפוק דארף א איד האבן פון דעם אליין וואס ער האט זוכה געווען נישט אדורך צו לאזן זיינע טעג און לעבן בהבל וריק און ער האט עס אויסגענוצט פאר תורה, מים אין בו נחשים ועקרבים יש בו, וואס וואלט געווען מיט די צענדליגע שעה'ן וואס ער לערענט נישט, וואס וואלט ער געטוען? געזעסן אויף קול מבשר, ער וואלט געקוקט אויף עפעס אנדערש, וואס וואלט ער געטוען? דורך תורה וואס ער האט געלערענט איז חדאי נפשאי חדאי נפשאי, מיין גוף קען זיך פרייען און מיין נשמה קען זיך פרייען, און דאס איז דער תועלת פון א שמחה, ווען מען רעדט פון א סיום פון א מסכת.

**אבער** די גמרא דארף האבן א ביאור, איך וועל נישט מאריך זיין מיט דעם ביאור, אבער די נקודה וועל איך ארויסברענגען, ווען ער האט געענדיגט איבער'חזר'ן האט ער זיך געשטעלט ביי די ריגל

פון די טיר און דארט האט ער געזאגט חדאי נפשאי חדאי נפשאי. ער האט נישט געטראפן קיין אנדערע פלאץ ווי צו שטיין, נאר ביי די ריגל פון די טיר? און אז די טיר וואלט נישט געהאט קיין ריגל וואלט ער זיך נישט געקענט שטעלן דארט און זאגן חדאי נפשאי, אין די גמרא איז דאך נישט דא קיין ליידיגע ווארט וואס עס איז נישט געמאכט געווארן עפעס צו לערנען?

**ועל** כולם, די גמרא פרעגט א קשיא, וואס פריידסטו זיך נאר מיט דיין אייגענע נפש חדאי נפשאי חדאי נפשאי, דו האסט געהאלטן די וועלט מיט דיין תורה. אמת, מען לערנט תורה אפילו די גאנצע וועלט איז אנגעפולט מיט תורה, מיין תורה טוט אויך צוהעלפן דערצו, דו דארפסט זיך פרייען אז דו האסט א חלק אין קיום העולם, אבער פארדעם דארף ער נאך נישט חזר'ן? פארדעם דארף ער נישט יעדע דרייסיג טאג איבערלערנען וואס ער האט געלערנט? ער איז מקיים די מצוה פון תלמוד תורה אפילו ער זאגט נאר בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ, ער זאגט תורה שבכתב האט ער אויך מקיים געווען די מצוה פון תלמוד תורה? ער לערנט נאך א מסכת און נאך א מסכת איז ער אויך מקיים העולם? ער האט דאך געוואלט ארויסברענגען אז ער האט געלערנט און ער געדענקט און ער קען וואס ער האט געלערנט, נו וואס זאגט מען ער זאל זיך פרייען אז די וועלט שטייט מיט זיין תורה?

**איך** מיין אז דער פשט דערפון איז, אמת ווען א איד לערנט תורה, וואס ער לערנט נאר, צי ער חזר'ט איבער וואס ער האט געלערנט צי ער לערנט א נייע זאך, צי ער לערנט נאר חומש רש"י, משניות, נישט קיין נפקא מינא, האט ער א חלק אין קיום העולם, עס איז א זכות אז די וועלט שטייט וועגן זיין תורה, עס וואלט געשטאנען אפשר אויף א איינעם אנדערש'ס תורה אויכעט, אבער יעצט ביסטו דער וואס האט צוגעגעבן צו דעם קיום העולם. די מצוה פון תלמוד תורה האט ער יוצא געווען.

**ווען** א מענטש וויל האבן חיי נצחיים, ער וויל זוכה זיין צו עולם הבא אויכעט, אז זיין תורה וואס ער האט געלערנט איז נישט נאר א מצוה ווי געווענליך, נאר ער זאל ארויפקומען אויף יענע וועלט און זיין מלא מיט תורה, דאס איז אן אנדערע סארט אינגאנצן. די גמרא זאגט אין פסחים (נ.), אז רב יוסף האט געהערט א כרוז אויבן אין הימל אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו, וואס דו האסט געלערנט איז בידו, האב עס אין די האנט, כי ישאלך איש אל תגמגם, דאס קען מען נישט זוכה זיין נאר אז מען פלאגט זיך אויף תורה און מען חזר'ט איבער וואס מען האט געלערנט דעמאלטס קען ער זוכה זיין צו דעם אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו.

**ממילא** איז נישט קיין קשיא פארוואס ער האט זיך געפריידט חדאי נפשאי ווייל ער האט איבערגע'חזר'ט, אויף קיום העולם אליין דארף איך נישט איבער'חזר'ן, אויף קיום העולם קען איך לערנען עפעס אנדערש אויכעט, אויף איבער'חזר'ן און קענען וואס איך האב געלערנט, דאס איז חדאי נפשאי דאס איז מיין פריוואטע זאך וואס איך וועל נהנה זיין דערפון, אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו.

**ווען** ער האט זיך געפריידט מיט זיין תורה, מיט דעם וואס ער האט געלערנט, ותלי וקאי בעיברא דדשא האט ער זיך געשטעלט ביי עיברא דדשא ביי די טיר און ער האט געזאגט חדאי נפשאי חדאי נפשאי, אמת אויף לימוד התורה סתם צו לערנען אויף קיום העולם, קען מען לערנען עפעס אנדערש אויכעט, אבער אז איך זאל זוכה זיין צו כתרה של תורה אויף די וועלט, וואס מען זאל קענען נהנה זיין אויף יענע וועלט אויכעט, צו דעם האט אויסגעפעלט צו איבער'חזר'ן.

**ווען** די גמרא פרעגט די קשיא וואס פריידסטו זיך אליין, פארוואס פריידסטו זיך נישט אז דו ביסט מקיים די וועלט? אויף דעם האט ער געענטפערט, אמת, אבער אויף מקיים זיין די וועלט דארף איך נישט איבער'חזר'ן, אבער מעיקרא, דאס וואס נאכדעם וואס איך האב געלערנט בין איך צוריקגעגאנגען צו מעיקרא, איך בין צוריקגעגאנגען נאכדעם צוריק צו דעם

אנהייב, נאכאמאל איבער׳חזר׳ן, דאס איז ווייל כי עביד אינשא אדעתא דנפשיא עביד דאס איז א אייגענע תועלת, דאס וואס א מענטש חזר׳ט איבער וואס ער האט געלערנט, ער גייט צוריק מעיקרא וואס ער קען שוין, דעסטוועגן דאך חזר׳ט ער עס איבער, דאס איז עביד אינש אדעתא דנפשיא דאס איז א זאך וואס ער טוט אדעתא דנפשיא.

**די** גמרא פארציילט אז ער האט זיך געשטעלט בעיברא דדשא, ביי די ריגל פונעם טיר. פשטות פון די גמרא איז, נאכדעם וואס ער האט געענדיגט איבער׳חזר׳ן האט ער זיך געשטעלט ביי די טיר און דארט האט ער זיך געפריידט. איך מיין אז אפשר קען זיין פשט אביסל אנדערש וואס איז נוגע לענינינו, אז נישט ווען ער האט געענדיגט חזר׳ן האט ער זיך געשטעלט ביי די טיר, נאר עס איז געקומען סוף חודש ער האט געדארפט איבער׳חזר׳ן וואס ער האט געלערנט, יעצט קען ער נישט זיין דיסטרעקטע״ט פון קיין שום זאך, נישטא קיין טעלעפאון; נישטא קיין טיר וואס מען קומט אריין; יעצט דארף איך איבער׳חזר׳ן וואס איך האב געלערנט אז איך זאל קענען די בחינה וואס איך דארף נעמען.

**איז** די ערשטע זאך ווען ער האט געוואלט איבער׳חזר׳ן ביי די דרייסיג טאג, איז ער געגאנגען צו די טיר און צוגעשפארט מיט א שלאס די טיר, קיינער קומט נישט אריין, קיינער גייט נישט ארויס, יעצט איז נישטא קיין געשעפטן, עס איז נישטא קיין טעלעפאון, עס איז נישטא קיין ווייב קיין קינדער, יעצט איז די צייט וואס איך דארף איבער׳חזר׳ן וואס איך האב געלערענט.

**פארציילט** די גמרא, ער האט יעדע דרייסיג טאג איבערגע׳חזר׳ט וואס ער האט געלערענט, און וויאזוי האט ער עס איבערגע׳חזר׳ט, ווייל וקאי בעיברא דדשא, קודם האט ער זיך געשטעלט צו צושפארן די שלאס פון דעם טיר און נאכדעם האט ער איבערגע׳חזר׳ט וואס ער האט געלערנט, ער האט זיך אריינגעלייגט דעם קאפ אין תורה, איז חדאי נפשאי חדאי נפשאי האט ער זיך געפריידט דערמיט.

**עס** איז באמת צו באוואונדערן יונגעלייט, וויפיל איך הער צוריק, וואס זענען אין ביזנעס און פארנומען א גאנצע טאג געשעפטליך, דעסטוועגן דאך עס קומט ביינאכט רייסן זיי זיך אראפ און זיי חזר׳ן איבער וואס מען האט געלערנט, עס קומט א זונטאג זיצט מען שעה׳ן אין ביהמ״ד איבער צו חזר׳ן וואס מען האט געלערנט פון פריער. אזויפיל הונדערטער יונגעלייט שטעלן זיך צו בחינות, עס איז אשרי חלקם עס איז נישט גענוג ארויסצוברענגען די חדאי נפשאי וואס א איד דארף זיך פרייען, סיי דיין גוף און סיי דיין נפש, דיין סיפוק וואס דו דארפסט האבן אויף די חיי נצחיים וואס דו האסט זוכה געווען צו תורה דורך דעם וואס דו האסט איבערגע׳חזר׳ט און דו קענסט וואס מען לערענט.

**איך** האב געטראכט אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו, ער חזר׳ט איבער וואס ער האט געלערנט, ער ווייסט דאך אז ער וועט פארגעסן אין א יאר ארום וואס ער האט געלערענט פאריאר, ער געדענקט נישט. נו וואס טייטשט אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו, מען פארגעסט דאך, עס איז דאך נישט תלמידו בידו? עס בלייבט דאך נישט ביי אים? און די קשיא גייט אביסלע טיפער, וויפיל זעהן מיר תלמידי חכמים קומען אויף די עלטער, ח״ו דער אייבערשטער זאל אפהיטן יעדן איינעם, זיי פארלירן דעם דעת, פארלירן דעם שכל, פארלירן דעם זכרון, מען גייט אוועק פון די וועלט ווי א שברי כלי ער געדענקט גארנישט וואס ער האט געלערענט, וואס איז דער אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו, ער קומט שוין נישט מיט קיין תלמידו בידו ער האט שוין אלעס פארגעסן יארן פריער פון וואס ער האט געלערענט?

**איז** דאך על כרחך עס מיינט נישט אז בשעת מען גייט אוועק פון די וועלט קען ער כל התורה כולה, און ער קומט ארויף יעצט ותלמידו בידו. נאר ווען א איד לערענט א מסכת און בשעת ער לערנט די מסכת האט ער אדורכגעקנעיטן די מסכת און זיין נפש האט קונה געווען די מסכת, בלייבט די תורה א נצחיית אין אים אז ווען ער קומט ארויף איז תלמידו בידו. תלמידו בידו מיינט נישט אז פארן שטארבן קען ער יעצט גאנץ ש״ס, תלמידו בידו

איז דער טייטש אז וואס ער האט געלערענט האט ער זיך נישט גענארט, איך האב איבער געלערנט, מען האט מיך געקענט פרעגן ווען איז מען חייב ווען איז מען פטור, ווען איז מותר ווען איז אסור, איינמאל אז מען האט קונה געווען תורה איז תלמידו בידו.

**און** דאס איז דער זכות, מען חזר'ט איבער וואס מען האט געלערנט, אפילו שפעטער וועט מען נישט געדענקען, איז ער אין כלל פון אשרי מי שבא לכאן ותלמידו בידו אויף וואס ער האט איבערגע'חזר'ט און געלערענט און געקענט על בריו.

**עס** איז א געוואלדיגע זכות פאר די אלע וואס האבן ביז יעצט מיטגעהאלטן און עס איז חדאי נפשאי חדאי נפשאי, מען גייט לערנען מסכת נדרים, איז דא אזויפיל צו ווינטשן אז דער אייבערשטער זאל געבן אז מען זאל קענען מסיים זיין אסאך מסכת און אנהייבן אסך מסכתות. דאס איז געווען וואס איז נוגע פאר לומדי תורה.

*

**איך** האב געוואלט נאר צוגעבן א ווארט. מען הייבט דאך אן א ניי יאר, און א גרויס חלק פונעם ציבור זענען דאך עוסק אין פרנסה, בכל דרכך דעהו א איד קען דינען דעם אייבערשטן מיט אלע עניני גשמיים, וואס ער טוט איז ער מכוון לשם שמים, ער זאל האבן פרנסה צו קענען מפרנס זיין די קינדער, נישט דארפן לעבן פון גניבה וגזילה, אז מען זאל קענען מחנך זיין קינדער דארף מען האבן אסאך געלט וכדומה, שטייט אין שולחן ערוך איז ער א עובד ה' תמיד, דינט ער דעם אייבערשטן שטענדיג.

**מען** דארף אבער וויסן, פרנסה איז אין די הענט פונעם אייבערשטן. מען טאר זיך נישט מצער זיין ווען עס מאכט זיך עגמת נפש אין די געשעפטן. וואס עס איז באשערט וועסטו ממילא האבן, קיינער קען עס נישט אוועקנעמען פון דיר. זיין א בוטח בה', מען גייט ארויס ארבעטן, זיך פארלאזן אז דער אייבערשטער וועט מיר מזמין זיין, איך טו מיין השתדלות וואס איך דארף צו טוען דאס איבריגע וועט דער אייבערשטער מיר געבן.

**עס** האט מיר היינט א איד נאכגעזאגט פון א איד ר' אפרים קליין – קליין'ס אייז קרים - ער האט זיך אמאל עפעס אויסגערעדט פאר'ן סקווירא'ע רבי'ן זכרונו לברכה, אויף א קאמפיטישא"ן וכדומה וואס ער האט געהאט אין די ביזנעס. האט אים דער סקווירא'ע רבי זכרונו לברכה געזאגט אזוי: הער מיך אויס, קונים קען מען צונעמען, פרנסה קען מען נישט צונעמען! קונים קען מען צונעמען, אבער וואס עס איז דיר באשערט פרנסה, דאס וועסטו האבן, מען האט עס צוגענומען פון דא, וועט עס קומען פון א צווייטע פלאץ, אין אדם נוגע במוכן לחבירו, מען קען נישט צורירן צו וואס עס איז דיר צוגעגרייט! יעדער איד האט דער אייבערשטער צוגעגרייט וואס ער דארף האבן, עס איז שוין דא א פונקטליכער רעקער"ד פארדעם וויאזוי עס וועט זיין, דו דארפסט טוען די בעסטע וואס דו קענסט, אבער זיך נישט מצער זיין און ארויסגיין אין מחלוקת און קריגערייען, יענער האט געטוען אזוי יענער האט דיר צוגענומען.. מען נעמט נישט צו! קונים קען מען צונעמען, אבער דיין פרנסה קען מען נישט צונעמען!

**עס** איז זייער שיין און גרינג צו זאגן, אבער וויאזוי איז מען דאס קונה אז מען זאל לעבן דערמיט און טאקע וויסן אז אלעס איז אין די הענט פונעם אייבערשטן, און אז מען טאר זיך נישט מצער זיין אויף קיין שום זאך? דאס איז א איד קונה צופרי ווען ער דאווענט. אז מען דאווענט במתינות, מען דאווענט ווארט ביי ווארט און מען איז זיך מתבונן אין די ווערטער פון די תפלה, מען איז זיך מתבונן די גדלות ה' די גרויסקייט פונעם אייבערשטן אז אלעס איז אין די הענט פונעם אייבערשטן, לך ה' הגדולה והגבורה, ובידך לגדל ולחזק לכל, און גאנץ אשרי, און פסוקים שפעטער, שברו על ה' אלקיו, און אזוי ווייטער, איז מען דאס קונה ביי זיך, ער דאווענט א שמונה עשרה, רבונו של עולם אלעס איז אין דיין האנט און איך בעט פון דיר ברך עלינו, און איך בעט פון דיר רפאינו, און איך בעט פון דיר אלע אנדערע ברכות, שים שלום

וכדומה, אז מען דאווענט ערליך צופרי מען איז זיך מסדר מיט א געהעריגע מנין צו דאווענען איז דער טאג אן אנדערער טאג! ער לעבט מיט אמונה און ער לעבט מיט בטחון אויפן אייבערשטן.

**און** דאס איז די עבודה, מען הייבט יעצט אן א נייעם ווינטער, מען איז זיך מסדר יעדער איינער די זמנים פון דאווענען, ווי ער וועט דאווענען, וויאזוי ער וועט דאוונען, נעמען אין חשבון אז רוב פון די ביזנעס ווערט אפגעשפילט אין ביהמ"ד ביים דאווענען. איך מיין נישט אויפן טעלעפאון, איך מיין בינו לבין קונו, ווען א מענטש שטעלט זיך דאווענען צום אייבערשטן, דארטן ווערט מסודר אלעס, אז דו דאווענסט ערליך וועסטו אויסבעטן וועסטו האבן א קבלת תפלה פונעם אייבערשטן, וועט דיר גארנישט פעלן אין משך פונעם טאג, דיין פרנסה וועט מען דיר נישט צונעמען.

**ח"ו** אז דאס פעלט, דעמאלטס איז כל ימיו מכאבים וכעס (קהלת ב-כג), מען בייזערט זיך און מען רעגט זיך און יעדע זאך גייט מען ארויס פון די כלים, און די געשעפטן זענען נישט משאו ומתנו באמונה מען מיינט דאך אז אלעס איז אין זיין האנט. עס איז א געוואלדיגע חיזוק ווען א מענטש נעמט אויף זיך די עבודת התפלה יעדן טאג. מען רעדט נישט פון דאווענען שעה'ן ווי מען האט אמאל געדאווענט, נאר פשוט פירוש המילות, מכווין זיין דאס דאווענען, וואס פאר א תועלת דאס וועט זיין שפעטער פארן לעבן.

*

**מען** הייבט דאך אן מסכת נדרים, ווען איך בין געווען א בחור אין ישיבה, האב איך געלערענט אין נייטרא. מיין ערשטער זמן, די צווייטע זמן אפשר, האט מען געלערענט מסכת נדרים – דאס גייט צוריק זעכציג יאר צוריק – דעמאלטס איז נישט געווען אזיווי היינט, ווען מען איז געגאנגען אין ישיבה לערנען איז מען א גאנצן זמן נישט אהיימגעגאנגען מער ווי איינמאל, ווינטער איז מען אהיימגעגאנגען שבת חנוכה, און זומער איז מען אהיימגעגאנגען שבועות, אויסער דעם איז מען געזעסן אין ישיבה פון צופרי ביז ביינאכט.

עס איז געווען א ישיבה וואס איז געווען אויסער די שטאט, איך האב נישט געזעהן א גאנצן ווינטער מער ווי צוויי הייזער, דער ביהמ"ד און דעם דארמיטארי, און מען האט געלערענט, מען האט געקענט אפזיצן דארטן א גאנצן ווינטער און זיצן און פלייסיג לערנען. עס האט זיך געטוישט די וועלט, אבער על כל פנים איך זאג נאר וויאזוי עס איז געווען.

**און** יענער זמן האט מען געלערענט מסכת נדרים. שבת חנוכה איז געווען א קבוצה בחורים וואס האבן געוואוינט אין מאנטריאל, זיי זענען אהיימגעפארן אויף שבת - גירסא דינקותא – ווען זיי זענען צוריק געקומען האבן זיי פארציילט אז ווען זיי זענען אנגעקומען אויפן באן צי ווי, האבן זיי געטראפן דארטן רבי פנחס הירשפרונג זכרונו לברכה, ער איז געווען א גאון עצום, א תלמיד פון ישיבת חכמי לובלין, ער האט געקענט כל התורה, סאטמאר רב זי"ע אין ויואל משה איז איינע פון די חלקים וועגן לשון הקודש געשריבן געווארן פאר אים, און ווען מען האט זיך געטראפן מיט אים פלעגט ער אייביג צו פרעגן א שאלה אין לערנען, ווי ער האט זיך געטראפן מיט א מענטש איז אלץ געווען עפעס פון תורה.

**די** בחורים קומען אהיים, פרעגט ער זיי וואס האט איר געלערענט? מסכת נדרים. איך קען אייך פרעגן א שאלה? יא. האט ער געפרעגט דריי שאלות, צוויי געדענק איך שוין נישט, אבער איינע פון די שאלות איז געווען, ער האט געפרעגט וואס איז טייטש א ירא שמים? זיי האבן נישט געוויסט וואס צו ענטפערן. האט ער געזאגט, עס איז א גמרא אנהייב נדרים, דף ח, די גמרא זאגט וזרחה לכם יראי שמי, וואס טייטשט יראי שמי? די וואס האבן מורא ארויסצוזאגן דעם שם שמים לבטלה, דאס איז טייטש יראי ה', ער האט מורא ארויסצוזאגן דעם אייבערשטן'ס נאמען. דאס איז געווען איינע פון די שאלות וואס ער האט זיי געפרעגט.

**וואס** איז נוגע פאר אונז, יעדער איד ווייסט דאך אז די חשיבות פון תורה איז תורה מיט יראת שמים. יראת ה' איז, אז בשעת מען זאגט ארויס דעם

אייבערשטן׳ס נאמעןביים דאווענען דארף מען עס זאגן מיט א ערליכקייט, זאגן מיט א יראה מיט א דערהויבענקייט נישט עס זאל זיין שגור בפיו און זיך גיסן די שמות פונעם מויל. אז מען דאווענט ערליך מען איז מכוון דאס איז א חלק פון יראי שמי וואס איז דא אינעם דאווענען. (די גמרא איז דף ח, היינט וואלט מען נישט אנגעקומען ביז שבת חנוכה נאר ביז דף ג, אבער על כל פנים דעמאלטס איז מען אנגעקומען ביז דף ח).

**נו** מען הייבט אן צו לערנען מסכת נדרים, מען האט דאך שוין פריער געהערט, זייער א שיינע מסכת עס איז דא ר״ן עס איז הפלא ופלא, עס איז דא רש״י מיט תוס׳ מיט אלעם אינעווייניג צוזאמען. זאל דער אייבערשטער געבן מען זאל קענען אנהייבן מיט א געוואלדיגן התחדשות מיט א חיות, מען זאל שפירן דעם חדאי נפשאי חדאי נפשאי אז מען איז זוכה צו זיצן באהלה של תורה.

**איך** וויל עקסטער ארויסגעבן א דאנק פאר די אלע וואס טוען פאר ״ובהם נהגה״, זכותם גדול מאד, זיי זענען מזכה אזויפיל הונדערטער אידן מיט תורה. עס זאגט זיך זייער גרינג, אבער צוזאם צושטעלן און נאך מאכן די בחינות און צייכענען און צוזאם שטעלן געלט דערפאר צו באצאלן פאר בחינות, דאס איז אן עבודה קשה, אשרי פאר די וואס טוען זיי צוהעלפן אז זיי זאלן עס קענען ווייטער אנגיין. זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויכעט, עס זאל זיין שמחות און נחת ביי זיי אין שטוב און ביי אלע וואס זענען זיך משתתף דא. דער אייבערשטער זאל העלפן ווייטער אויכעט, מען זאל זיך צוזאמקומען אינאיינעם מתוך שמחה ובטוב לבב, און מען זאל מען זוכה זיין אקעגן צוגיין משיח צדקינו בב״א.

***יום רביעי פרשת בראשית***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט״א** לשדה התעופה בדרכו לפאלם ספרינגס למנוחה.

***שבת קודש פרשת בראשית***

תפלת שבת קודש וסעודה שלישית ערך רבינו שליט״א בבית המדרש שע״י בית הרבני הנגיד הר״ר **מענדל שווימער** הי״ו.

*

***יום רביעי פרשת נח***

בשעות הלילה הגיע **רבינו שליט״א** לביתו נאוה, אחר ששהה כמה ימים בפאלם ספרינגס למנוחה.

***שבת קודש פרשת נח***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט״א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט״א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. וסיפר כמה סיפורים **מהרה״ק רבי נחום מטשערנאביל זי״ע, בעל מאור עינים** (לרגל היומא דהילולא ביום י״א חשון). בברכת המזון נתכבד חדב״ן **הרה״ג רבי אהרן ישעי׳ ראזנער שליט״א** דומ״ץ סאמבאטהעלי.

אחר תפלת מוסף התקיים ׳חתן בראשית קידוש׳ על ידי הר״ר **יעקב בער גרינוואלד** הי״ו, שעלה לחתן בראשית בבית מדרשנו.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט״א** אצל השבע ברכות של בן **הרה״ג רבי מאיר גרינוואלד שליט״א** דומ״ץ פאפא (בן כ״ק האדמו״ר מפאפא שליט״א), עב״ג בת **הרב חיים שלמה זינגער שליט״א**, שהתקיים בבית המדרש פאפא.